NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 12802

DER VUNDERLEKHER LEYB

Jacob Pat

The original of this title comes from the permanent collection of the YIVO Institute for Jewish Research, New York, NY

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יעקב פּאַט

דער רב און דער לייב

ע ביבליאטעק
עסט ארכיוו

יעקב פאַט

דער וואונדערלאַבער לייב

אילוסטרירטע קינדער-ביבליאָטעק.

פאַרלאַג א. גיטלין

1921 ווארשע

דער וואונדערלעכער לייב.

דאָס איז געווען מיט אַ סך יאָרן צוריק.

אין אַ שטאָט האָט געוואוינט אַ רָב אַ צַדִיק,
וואָס האָט שטענדיק פרום געהיט דעם שַבָּת, קיינ=
מאָל ניט פאַרגעסן צו טאָן, ווי אזוי ס'איז געשריבן
אין דער תּוֹרָה און אין די הייליקע סְפָרִים.

ווי ס'פלעגט קומען עֶרֶב שַבָּת פלעגט דער רָב
דער צַדִיק זיך אָנטאָן אין שַבָּת־בְּגָדִים, אין שַבָּת=
שטריימל און ער פלעגט מיט זיין ווייסער באָרד
ענלאך זיין צו אַ אֶמֶת'ן מַלְאַך און ער פלעגט דע=
מאָלסט זאָגן צו זיין הויז=געזינד:

— קומט אַרויס אַנטקעגן דער מַלְכָּה שַׁבָּת!

און עס פֿלעגט אַנדערש אויפֿלייכטן די הויט פֿון רַב׳ס פָּנִים און דער פֿרומער גלאַנץ פֿון זיינע אויגן, ווי עס לייכטן די הייליקע שַׁבָּת־ליכט פֿון זיין הויז.

און עס האָט נאָך קיינמאָל ניט געטראָפֿן, אַז דעם רַב דעם צַדִיק זאָל אויסקומען צו זיין שַׁבָּת אונטערוועגנס. ער איז שטענדיק געווען אין זיין שטאָט, אין זיין הויז, געמאַכט קִדוש אין זיין שול און געזונגען זְמִירות ביי זיין טיש פֿול מיט אורְחִים.

מאַכט זיך אָבער אַמאָל, אַז דער רַב דאַרף גיין אין אַ וויטן וועג צוליב אַ מִצְוָה־זאַך — פִּקוח נֶפֶש, ראַטעווען אַ יידישן נֶפֶש. דער וועג, אין וועלכן דער רַב דער צַדִיק האָט געדאַרפֿט גיין איז אַ וויסטער, אַ וועג דורכן מִדְבָּר, און אַ לאַנגער — צוועלף טעג דאַרף מען גיין, צוועלף טעג כְּסֵדֶר. דער וועג גייט דורך געדיכטע וועלדער און פּוסטע פֿעלדער, וואו עס וואוינען בייזע חַיות און עס לויערן גַזְלָנים. און דעם וועג האָט זיך קיינמאָל נאָך קיין מענטש אַליין ניט געלאָזן. אַז מען פֿלעגט דאַרפֿן גיין אין דעם וועג, פֿלעגט מען זיך צונויפֿקלויבן חַבְרַיָא׳ס מיט כְּלֵי־

זין און גיין צוזאמען. גוטע און בעוואפנטע־וועג־ווייזער פלעגן אין וועג פירן עס זאל ניט פאסירן קיין שלעכטס.

דארף דער רב גיין אין דעם וועג. האט ער געלאזט פאר זיך קויפן א קעמל, אנגעלאדן אויף אים זיינע חפצים, אפגעווארט א בעוואפנטע חבריא און מיט איר צוזאמען זיך אוועקגעלאזן אין וועג.

האט דאך אבער געוואוסט דער רב, אז שבת וועט אים אויסקומען צו זיין אין וועג און ער וועט דאך ניט מחלל שבת זיין, — וואס־זשע האט ער געטאן? — האט ער אפגערעדט מיט דעם עלטסטן פון דער חבריא, אז ער וועט אים גוט זיין שכר באצאלן באופן, אז שבת זאל מען אין וועג ניט גיין, שבת זאל מען רוען אין פעלד. דער עלטסטער פון דער חבריא האט צוגעזאגט דעם רב אזוי צו טאן, ווייל ער האט דאך געהאפט אויף זיין לוין.

האט זיך אוועקגעלאזן די חבריא אין וועג און דער רב דער צדיק אויף זיין קעמל צוזאמען מיט אלעמען. דער וועג איז א זאמדיקער און ווייל עס זיינען געווען גרויסע היצן, האט געגליט דער זאמד

און געברענט אונטער די פיס. אויפן וועג איז ניטאָ קיין גראָז, ניטאָ קיין בוים און ניטאָ קיין וואַסער. מאָנטאָג איז מען אַרויס אין וועג און דאָנערשטאָג איז שוין אויסגעגאַנגען דאָס וואַסער פון די כּלים. די בהמות, וואָס מען האָט געפירט מיט זיך, האָבן געשמעקעט פון דורשט. די וועג־פירער האָבן פון כּעס זיך געשווירעט און געשריען. מען האָט זיך געאײַלט, אונטערגעיאָגט די קעמלען, מען האָט געוואָלט דורכמאַכן די נסיעה, וואָס גיכער.

עס איז אָנגעקומען ערב־שבת. עס וועצט זיך אַראָפּ דער טאָג באַלד איז שוין די צײַט פון ליכטבענטשן, נאָר קיינער וויל ניט בלײַבן רוען ביז איבער שבת. עס איז אַ סכּנה צו בלײַבן, מען מוז זיך אײַלן ווײַטער.

וואָס זאָל טאָן דער רבֿ? — ער האָט זיך געבעטן בײַ די מענטשן, אַז זיי זאָלן בלײַבן מיט אים, ער וועט נאָך ניט מחלל שבת זײַן און גיין שבת אין וועג. זיי האָבן אָבער ניט געהערט זײַנע בקשות. זיי ווילן זיך ניט אײַנשטעלן דאָס לעבן און בלײַבן. אויב דער רבֿ וועט ניט מיטגיין, וועלן זיי אים לאָזן אַליין.

שלאָגן זיך אין רבֿ די דעות. גיין? — וועט ער מחלל שבת זיין, ער האָט דאָס נאָך אויף זיין לעבן ניט־געטאָן. אַליין בלייבן אין מדבר? — בייזע חיות קענען אים פאַרצוקן און צערייסן, גזלנים קענען אים באַפאַלן.

ער האָט אָבער זיך געמוטיקט, איז אַראָפּ פון זיין קעמל, אַראָפּגענומען זיין פּעקל און געזאָגט:

— איך בלייב דאָ איבער שבת!..

און ער האָט זיך אָפּגעטיילט אַליין פון דער חבריא און עפּעס אַ אומגעווײנלאַכע הייליקייט האָט אַרויסגעקוקט פון פּנים פון דעם רבֿ דעם צדיק. אַנ־דערע האָבן געלאַכט פון אים און אַנדערע האָבן אים באַדויערט, ווייל ער וועט דאָך דאָ אין וואַלד געוויס שטאַרבן צוליב זיין פרומקייט.

דער גאַנצער עולם איז צוזאַמען אַוועק ווייטער שרייענדיק און שילטנדיק אין דעם רבֿ איבערגעלאָזן אַליין.

איז דער רבֿ געבליבן אַליין אין מדבר. איינער אַליין. שטערן האָבן זיך אָנגעצונדן אין הימל, שאָטנס האָבן זיך אויסגעלייגט אויפן וועג. שבת־קודש איז־

ווי דער שטי:גער אין דער גאַנצער וועלט, אַראָפּ אויף דער ערד — עס איז געוואָרן פרייטאָגצונאַכטס.

דער רָב האָט אָנגעטאָן זיינע שַבָּת'דיקע בְּגָדִים און עס איז געוואָרן שַבָּת ביי אים. ער האָט זיך אומגעקערט מיטן פָּנִים צו מִזְרָח־זייט און האָט אָנגעהויבן מיט תְּפִלּוֹת און זְמִירוֹת מְקַבֵּל שַׁבָּת זיין:

— לְכָה דוֹדִי לִקְרַאת כַּלָּה, פְּנֵי שַׁבָּת נְקַבְּלָה...

און ווי אַלע פאַרנאַכט איז איין זייט הימל, דער מַעֲרָב־זייט, אַ רויטער, אַ אָנגעגליטער און אַ וואונדערלאַכער, דאָרט פאַרגייט אין אַ גאָלדענעם יַם די זון און פאַרקלייבט זיך אויף נאַכט, און די אַנדערע זייט הימל, די מִזְרָח־זייט, איז טונקל פאַרלייגט מיט אומעטיקע שאָטנס און עס קומט פון דאָרטן אַ אָוונט־ווינט און עס לאָזן זיך פון דאָרט אויפן הימל אַרויף די וואָלקנס פון דער נאַכט. איז געשטאַנען דער רָב מיטן פָּנִים צום טונקעלן מִזְרָח און האָט מַעֲרִיב געדאַווענט אַליין אין מִדְבָּר.

ער האָט געדאַווענט הויך, אויף אַ קול, פרום און מיט האַרץ און וואָס העכער ער האָט געדאַווענט, איז ער אַלץ רואיקער געוואָרן און מער בְּטָחוֹן און זיכער־

הייט געהאט, אז מיט אים וועט קיין שלעכטס אין מִדְבָּר ניט פארקומען.

אז ער האט אפגעדאַוונט, האט ער אַרויסגענומען פון זיין פעקל צוויי חַלּוֹת און ער האט איבער זיי געמאכט הויך קִדוּש. ער האט געמאַכט א „הַמּוֹצִיא", די חַלָּה פאַרזוכט, איבערגעביסן און געזונגען די זְמִירוֹת פון פרייטאָגצונאַכטס.

ער איז געווען אזוי פאַרטיפט, אַז ער האט גאָרניט געזען, וואָס עס טוט זיך אַרום אים. ער האט גאָרניט געזען, ווי א לייב איז געגאַנגען פון עק פון מִדְבָּר, אן אֱמֶתער, שרעקלאַכער לייב פון די מִדְבָּריוֹת, דער מֶלֶך פון די מִדְבָּרִיוֹת, געגאַנגען שנעל מיט זיינע גרויסע לייבישע טריט צו אים, צום רב. נאָר אז דער רָב האט אויפגעהויבן זיינע אויגן האָט ער דערזען אין דער פינסטער פון דער שַׁבָּתדיקער נאַכט דעם גלאַנץ פון די לייבישע בליקן און אָט שטייט דער לייב אַקוראַט אנטקעגן אים. דער רָב איז געווען זיכער, אז ער וועט שוין אַצינד אוועקגעבן זיין נְשָׁמָה דעם לייב. פאַרפאַלן, אז עס איז באַשערט צו שטאַרבן, מוז מען שטאַרבן,

קוקט אַן דער רָב דעם לייב און ער זעט, ווי די שרעקלאכע חַיָה האָט זיך גאָר אויפגערעגט נעבן אים און געקוקט אויף אים מיט אַזאַ רַחֲמָנוּת, ווי זי וואָלט זאָגן:

— האָב ניט מוֹרָא...

איז אַ ביסל אָפּגעלאָפן דער פַּחַד פון רָב, האָט אים אָנגעקוקט, אָנגעקוקט און האָט נאָכדעם אָפּגעבראָכן אַ חֵלֶק פון זיין חַלָּה און געגעבן דעם לייב. דער לייב האָט גענומען די ... חַלָּה און האָט געגעסן. אַז דער רָב דער צַדִיק האָט געזען, אַז דער קייסער פון די חַיוֹת ליגט זיך און עסט רואיק די שַׁבָּתדיקע חַלָּה און טוט ניט קיין שלעכטס, האָט ער אויך גענומען עסן די שַׁבָּתדיקע סְעוּדָה און געזונגען די זְמִירוֹת פון פרייטאָגצונאַכטס:

— כָּל מְקַדֵּשׁ...

נאָכן עסן האָט דער רב געבענטשט. עס איז שוין געווען טיף אין אָוונט. און מִדְבָּר איז שטיל. פון אויבן שיינען נאָר אַראָפּ די שטערן פון הימל. פון אונטן צעטראָגט זיך דאָס אָטעמען פון לייב.

דער רָב האָט אונטערגעלייגט זיין פּעקל צוקאָפּנס

און אָפּגעגעבן זיין נְשָמָה צו גאָט — וואָל זיין, וואָס עס דאַרף זיין... ער האָט צוגעמאַכט די אויגן נאָכדעם ווי ער האָט קְרִיאַת־שְמַע געליינט און איינגעשלאָפן. ערשט דער לייב האָט אויך אַראָפּגעלאָזן זיין קאָפּ און זיין מַלְכוּתדיקע גריווע און איז אויך אַנדרימלט געוואָרן. שטיל איז געוואָרן אין גאַנצן מִדְבָּר — סיי דער רָב, סיי דער לייב זיינען איינגעשלאָפן.

עס איז אַריבער די נאַכט און געקומען טאָג — גרויער פרימאָרגן אין מִדְבָּר.

דער רָב איז שוין געווען וואַך מערניט דער לייב האָט נאָך געדרימלט — געלעגן רואיק אויף זיין אָרט און זיך ניט באַוועגט. די זון האָט אָנגעהויבן אייפצוגיין — שַבָּתדיקער פרימאָרגן אין ווילדן מִדְבָּר. דער רָב האָט אָנגעהויבן דאַווענען שַחֲרִית, די תְּפִלָה פון פרימאָרגן. ערשט דער לייב האָט זיך אויך אויפ־געכאַפּט און האָט אָנגעהויבן צו ברומען אין מִדְבָּר אַריין, ברומען צו די וויימע עקן פון די פעלדער און וועלדער, צו די הימלען אַרויף.

— דאָס דאַוונט ער אַזוי... — האָט דער רָב בײַ זיך געטראַכט און ניט געשראָקן זיך פאַרן ברומען

פון דער גרויזאַמער חַיָה.

אַז דער רָב האָט אָפּגעדאַווענט האָט ער צוטיילט זיין סְעוּדָה אויף צוויי חֲלָקִים — פאַר אים און פאַר דעם לייב. האָבן זיי ביידע געגעסן. נאָכן עסן האָט דער לייב זיך אויפגעהויבן און אַוועק. דער רָב האָט געמיינט, אַז דער לייב איז שוין אינגאַנצן אַוועק, אָבער דער לייב האָט נאָר אַרומגעשפּאַצירט אַרום די ראַנדן פון מדבר, האָט מיט זיינע לאַפּעס געקלאַפּט צו די ווייַ־ טע וויסטע פעלדער, איז שנעל געלאָפן פון איין זייט צום אַנדערן, האָט זיך אומגעקוקט צום רָב, וואָס איז געזעסן און געלערנט תּוֹרָה און מְעַבֵּר סִדְרָה געווען אויף אויסנווייניק.

אַזוי איז אַריבער אַ גאַנצער טאָג. עס האָט אָנגעהויבן אונטערצוגיין די זון. באַלד גייט אַוועק דער שַׁבָּת־קוֹדֶשׁ. איצט וועט זיך דאַרפן דער רָב לאָזן אַליין צופוסנס אין וועג און ער מוז זיך דאָך איילן, ער מוז דאָך צו דער צייט קומען און ראַטע־ ווען דעם נֶפֶשׁ, וואָס ער גייט ראַטעווען.

ווערט פאַרנאַכט. בלאָזט אין אָנגעגליטן אוי־ פאַרשׂרפעטן מִדְבָּר אַ אָוונט־ווינטל. טונקעלע שאָטנס

צעלייגן זיך. דאַוונט דער רָב מִנְחָה און עסט נאָך מִנְחָה, ווי דער שטיינער, שָׁלֹש־סְעוּדוֹת. נאָך שָׁלֹש סְעוּדוֹת און נאָכן בענטשן קומט צוגיין דער אָוונט. קוקט דער רָב צי באַווייזט זיך ניט אַ שטערנדל אין הימל, וועט ער מַעֲרִיב דאַוונען. דערוואַרט זיך דער רָב ביז עס פאַרגייט די זון און עס באַווייזן זיך די ערשטע שטערן. ווײַס ער, אַז עס איז שוין באַלד נאָך שַׁבָּת — ער וועט נאָר דאַוונען מַעֲרִיב און זאָגן די בְּרָכָה פון הַבְדָלָה.

און ווייל ער איז אַזוי צופרידן געווען, וואָס באַלד איז שוין אַריבער דער גאַנצער שַׁבָּתדיקער טאָג, ער האָט ניט מְחַלֵל שַׁבָּת געווען און עס איז מיט אים קיין שלעכטס ניט געשען, האָט ער זיך צעשאָקלט און צעוויינען אין דאַוונען, געדאַוונט הויך אויף אַ קול און געפּאַטשט פון צופרידנהייט מיט די הענט.

און אַזוי האָט ער אויך הַבְדָלָה געמאַכט און עס איז געוואָרן אוים שַׁבָּת — ווידער וואָך

איז אונטערגעקומען דער לייב צום רָב, האָט אָנגעהויבן צו שאָקלען מיט זיין עק, ווי אַ טרייער

הונט, האָט אָנגעהויבן מיטן צונג אַרומלעקן דעם רָבֿ, האָט זיך אַראָפּגעזעצט אויף דער ערד, ווי ער וואָלט זאָגן:

— זעץ זיך אויף מיר...

האָט דער רָבֿ פֿאַרשטאַנען, וואָס עס מיינט דער לייב. ער האָט אַרויפגעלייגט אויף אים זיין פּעקל מיט זיין טַלית, האָט זיך אַליין אַרויפגעזעצט אויף אים און זיך אָנגעהאַלטן אין זיין גריווע. דער לייב האָט זיך אַ הויב געטאָן און האָט זיך אָנגעהויבן צו טראָגן, לויפן שנעל, פייל אוים בויגן, ווי עס לויפט אַ רייטפערד, ווען ער דערשמעקט מִלְחָמָה. דער לייב האָט זיך געלאָזן פלינק איבערן מִדְבָּר און דאָס הייסע אָטעמען האָט זיך צעטראָגן רונד-אַרום; דער רָבֿ האָט זיך פעסט געהאַלטן אָן דער מַלְכוּתדיקער גריווע פון לייב ניט צו וויסן וואוהין עס טראָגט זיך דער לייב. דער מֶלֶך פון די חַיוֹת האָט זיך געטראָגן אָן רו אַ גאַנצע נאַכט און אַזוי געקלאַפּט מיט זיינע פים דאָס אַלע חיות פון אַרום האָבן אַ גאַנצע נאַכט אין אֵימָה געברומט.

פאַרטאָג האָבן זיי אָנגעיאָגט די גאַנצע חַבְרִיָא

מיט די אַנפירער און מיט די קעמלען רועניק אין מִדְבָּר. דער לייב איז געבליבן שטום שטיין. דער רָב איז אַראָפּ פון אים בשלום. דער לייב האָט זיך הויך און נִצְחוֹנדיק צעברומט, זיין גריווע האָט זיך צעשויבערט, זיין עק האָט זיך אויפגעשטעלט, זיינע אויגן האָבן אויפגעגלאַנצט און ער האָט זיך אוועקגעלאָזן געשווינד צוריק אין מִדְבָּר.

דער לייב איז נֶעֱלַם געוואָרן פון די אויגען, נאָר זיינע טריט האָבן הויך אָבגעהילכט איבערן גאַנצן מִדְבָּר.



Księgarnia i

E. GITLINA